בס"ד

# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מאכלי שבת

### וואשן די הענט נאך די פיש

**טייל** פירן זיך אז מען וואשט זיך די הענט און מען שווענקט אויס דעם מויל נאכדעם וואס מען האט געגעסן די פיש, ווייל עס איז א סכנה צו עסן פלייש נאך פיש. **או"ח סי' קע"ג ס"ב, יו"ד סי' קט"ז ס"ג**

**אנדערע** האלטן אבער אז היינט דארף מען מער נישט מקפיד זיין דערויף, ווייל עס איז מער נישט קיין סכנה. אזוי איז געווען דער מנהג אין צאנז און אין שינאווא. **עי' במג"א שם, חכ"א כלל ס"ח ס"א**

**עס** זענען אויך דא אזעלכע וואס האלטן אז מען דארף זיך טאקע נישט וואשן און אויסשווענקען דעם מויל, אבער דאך זאל מען עפעס עסן און טרינקען איידער מען עסט פלייש.

**כ"ק הגה"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זי"ע** פלעגט שטענדיג מקפיד זיין זיך יא צו וואשן און אויסשווענקען דעם מויל. ער האט געזאגט אז אויך זיינע עלטערן האבן דערויף גאר שטארק מקפיד געווען, וויבאלד ביי זיי אין די משפחה האט פאסירט די פאלגנדע מורא'דיגע מעשה מיט'ן וואשן און אויסשווענקען דעם מויל צווישן פיש און פלייש.

**דער** הייליגער ישמח משה זי"ע האט געהאט א פעטער וועלכער איז געווען א גרויסער צדיק און חשוב'ער מענטש, ער האט געלעבט אין די צייטן ווען עס האבן געבושעוועט די ווינטן פון כת ש"ץ שר"י, דער פאלשער משיח, וואס האט אן א שיעור אידן רחמנא לצלן אראפגעפירט און אוועקגעשטויסן פון די אמונה שלימה בביאת משיח צדקנו.

**אמאל** האט אים זיין רביצין פארגעווארפן, אז לעצטנס באמערקט זי אויף אים אז ער לאזט נאך געוויסע זאכן, אין וועלכע ער פלעגט מקפיד זיין. אין וועלכע זאכן האב איך נאכגעלאזט? האט ער פארוואונדערט געפרעגט. האט זי געענטפערט, אמאל פלעגסטו וואשן דיינע הענט ביים עסן צווישן פיש און פלייש, אבער לעצטנס זעה איך נישט אז דו זאלסט דיך וואשן.

**האט** ער ביי זיך געטראכט: אייגנטליך איז דאס דאך נישט קיין חוב צו טאן, אבער דאך, וויאזוי איז דאס מעגליך אז איך האב פארנאכלעסיגט אין א זאך וואס איך פלעג מחמיר זיין דערויף.

**צוליב** זיין געוואלדיגע צדקות האט ער זיך נישט געקענט בארואיגן, ביז ער האט באשלאסן אז זיכער האט דאס נאר פאסירט ווייל עס איז אים דורכגעלאפן אין די מחשבה א געדאנק פון מינות, טראכטנדיג אז אפשר איז ש"ץ ימח שמו גערעכט, אזוי ווי פיל מענטשן און צדיקים האבן אין יענע צייט געטראכט.

**נאכדעם** ווי ער איז געקומען צו אט דעם אויספיר, האט ער געלאזט פראקלאמירן איבער די גאנצע שטאט, אז יעדער זאל זיך צוזאמענקומען און אויסהערן די וויכטיגע זאך וואס ער האט מיטצוטיילן מיט'ן עולם, און ער האט זיי דערציילט די גאנצע מעשה.

**צום** ענדע פון זיינע ווערטער האט ער צוגעלייגט אז די חז"ל זאגן אז ווען איינער איז געכאפט אין מינות רח"ל און ער טוט תשובה דארף ער שטארבן. אויך איך וויל תשובה טאן, האט ער געזאגט, אבער ווי אזוי וועל איך וויסן צו די תשובה איז אנגענומען ביי השם יתברך? אויב איך וועל יעצט שטארבן וועט דאס זיין א סימן אז מיין תשובה איז אנגענומען געווארן.

**ווי** נאר ער האט געענדיגט די ווערטער איז ער תיכף אראפגעפאלן, און אויפ'ן פלאץ איז ער נפטר געווארן.

**נו**, אז אזא מעשה האט פאסירט אין די משפחה,

דארף מען טאקע אכט געבן אנצוהאלטן דעם מנהג זיך צו וואשן די הענט און אויסשווענקען דעם מויל צווישן פיש און פלייש. **דברי יואל' וישלח**

## טרונקען ברוינפן אדער ווין נאך די פיש

**נאכן** עסן די פיש איז א מנהג צו טרונקען ברוינפן אדער וויין.

**מען** פירט זיך איינצוטונקען א שטיקל חלה אין די שיריים פון די קידוש וויין, ווייל דאס א סגולה צו שטארקן דאס הארץ.

**בשם הרה"ק מהר"י מבעלזא, הלכתא רבתא לשבתא ח"א בהתולדות עמ' ל"ה**

**טייל** פירן זיך צו טרונקען דעם ברוינפן איידער זיי וואשן די הענט און דאס מויל, כדי צו מאכן דעם צירוף אויף דעם שם שד"י, ווייל ווען מען שטעלט צוזאמען די ראשי תיבות פון ד'גים י'ין, ש'רף, [ברוינפן] איז עס דער שם שד"י, און דער שם איז מסוגל אויף קינדער האבן, ווי עס שטייט אין פסוק [בראשית ל"ה י"א] וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלֹקִים אֲנִי קֵ"ל שַׁדַּ"י פְּרֵה וּרְבֵה.

**דרכי חיים ושלום, השבת נועם הנשמות**

**טייל** זענען נישט מקפיד דערויף און זיי טרונקען ברוינפן נאכן וואשן די הענט. **זמירות דברי יואל**

**די** ספרים ברענגען א מדרש פליאה, אז ווען אידן טרונקען און וואונטשן לחיים איז הקדוש ברוך הוא מוחל אלע זייערע עבירות.

**שיחות צדיקים, ובס' תעלומת חכמה בשם דודו הרה"ק רצ"ה מזידיטשוב זי"ע**

## וואונטשן לחיים נאכן טרונקען ברוינפן

**די** גמרא דערציילט א מעשה אז רבי עקיבא האט אמאל געמאכט א סעודה פאר זיין זוהן, און אויף יעדן כוס וויין וואס מען האט אים געברענגט האט ער געוואונטשן: וויין און לעבן זאל זיין צו די רבנן, לעבן און וויין זאל זיין צו די רבנן און צו זייערע תלמידים. **שבת סז.**

## נישט טרונקען קיין וואסער נאך די פיש

**תוס'** זאגט אז מען זאל נישט טרונקען קיין וואסער נאכן עסן פיש, ווייל עס איז א סכנה.

**תוס' מועד קטן כ"א.**

## נישט טרונקען ביז סוף סעודה

**דער** מנהג אין דער אלטער היים איז געווען, אז מען האט בכלל נישט געטרונקען קיין שום געטראנק פון אנהייב סעודה ביז סוף סעודה, ביז נאכן עסן דאס פלייש, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט [הל' דעות פ"ד ה"ב] אז אינמיטן די סעודה זאל מען וויניג טרונקען. דעריבער זאל מען זיין געווארנט נישט צו טרונקען אפילו בלויז סאדא וואסער ביז די סוף סעודה. **שמעתי מזקני חסידים**

## הינער זופ

**מען** פירט זיך צו עסן פרייטאג צונאכטס ביי די סעודה הייסע הינער-זופ. די גמרא זאגט [ברכות מ"ד]: רב חסדא בר אבא זאגט אז רב יוחנן זאגט אז א סעודה אין וועלכע מען עסט נישט קיין זופ, הייסט נישט קיין סעודה. **שם**

**צוליב** די דערמאנטע גמרא זענען געווען צדיקים וואס האבן מדקדק געווען אז ביי יעדע סעודת מצוה, ווי למשל א סעודת ברית מילה אדער יעדע סעודה פון יום טוב, סיי פון בייטאג און סיי פון ביינאכט, זאל מען עסן זופ.

**עס** ווערט דערציילט אז ווען הגה"ק משינאווע זי"ע האט חתונה געמאכט זיין זוהן הרב הקדוש מצעשינוב זצ"ל מיט די טאכטער פון הרב הקדוש רבי יהושע מבעלזא זי"ע אין בעלזא, האט מען ביי די שבע ברכות פרייטאג בייטאג געגעבן צו עסן ראסיל, וואס איז געווען א מנהג אין בעלזא צו עסן יעדן ערב שבת, אבער קיין זופ האט מען נישט דערלאנגט, נאר אנשטאט זופ האט מען געגעסן בארשט. דער בעלזער רב איז נישט געווען ביי די שבע ברכות, און הרב הקדוש משינאווא האט זיך שטארק געבייזערט פארוואס ביי א סעודת מצוה עסט מען נישט קיין זופ.

**נאך** שבת, ביי אן אנדערע שבע ברכות ווען דער בעלזער רבי איז יא געקומען, האט זיך דער בעלזער רב פארענטפערט פארן שינאווער רב פארוואס מען האט פרייטאג נישט דערלאנגט קיין זופ, ווייל ביי זיין טאטן זי"ע איז אזוי געווען דער מנהג.

**האט** זיך אנגערופן: עס שטייט אין ספר רבינו בחיי, פארוואס זענען נאר פארענדערט געווארן די נעמען פון אברהם און יעקב אבינו, אבער יצחק'ס נאמען איז נישט פארענדערט געווארן? ווייל ביי יצחק אבינו שטייט אז ער האט נישט משנה געווען די נעמען פון די ברונעס פון וואזוי זיין טאטע האט זיי גערופן, און אין דעם זכות איז זיין נאמען אויך נישט פארענדערט געווארן. מיט דעם האט דער שינאווער רב געוויזן אז ער איז צופרידן פון דעם תירוץ פון בעלזער רב זי"ע.

**מנהגי בעלזא עניני שבת**